DAVID SUZUKI FOUNDATION
One nature.
FONDATION DAVID SUZUKI
Un monde. Une nature.

# דעקלעראַציע פֿון אינטערדעפּענדענץ

davidsuzuki.org

## אָט דאָס ווייסן מיר

מיר זײַנען די ערד צוליב די געוויקסן און חיות וואָס דערנערן אונדז.
מיר זײַנען די רעגנס און ימען וואָס פֿליסן אין אונדזערע אָדערן.
מיר זײַנען דער אָטעם פֿון די וועלדער פֿונעם לאַנד און די געוויקסן פֿון ים.
מיר זײַנען מענטשלעכע חיות, פֿאַרבונדן מיט אַלץ וואָס לעבט, מיט דער זעלבער ירושה פֿונעם ערשטן לעבנס-קעמערל.
מיר טיילן זיך מיט אָט די קרובֿים אַ בשותּפֿותדיקע געשיכטע וואָס איז געשריבן אין אונדזערע גענעס.
מיר טיילן זיך מיט זיי אַ בשותּפֿותדיקע איציטיקייט, אַן אומזיכערע.
און מיר טיילן זיך מיט זיי אַ בשותּפֿותדיקע צוקונפֿט, אַן אומבאַקאַנטע.
מיר בני־אָדם זײַנען בלויז איינער פֿון די דרײַסיק מיליאָן זגאַלן וואָס וועבן דעם דינעם שיכט לעבן וואָס הילט אײַן די וועלט.
די סטאַבילקייט פֿון אָרגאַנישע קאָלעקטיוון הענגט אָפּ פֿון דער דאָזיקער פֿאַרשיידנקייט.
פֿאַרבונדן דורך אַזאַ מין געוועב, זײַנען מיר צונויפֿגעבונדן איינער צום צווייטן — מיר פֿאַרנוצן, רייניקן אויס, טיילן זיך מיט, און געבן צו די עיקר־עלעמענטן פֿון לעבן.
אונדזער היים, די ערד, איז ניט אין־סופֿיק; אַלע לעבעדיקע זאַכן טיילן זיך מיט די זעלבע רעסורסן און די ענערגיע פֿון דער זון, דערפֿאַר זײַנען זיי באַגרענעצט אין זייער וואַקסן.
צום ערשטן מאָל האָבן מיר דערגרייכט די דאָזיקע גרענעצן.
ווען מיר שטעלן אין סכּנה די לופֿט, די ערד און די פֿאַרשיידנקייט פֿון לעבן, גנבֿנען מיר פֿון דער אייביקער צוקונפֿט, כּדי צו דינען דער פֿאַרבײַגייענדיקן הײַנט.

## אָט דאָס גלייבן מיר

מענטשן האָבן זיך אַזוי פֿאַרמערט און אונדזערע מכשירים זײַנען געוואָרן אַזוי מעכטיק, אַז מיר האָבן גורם געווען, אַז אַנדערע באַשעפֿענישן שטאַרבן אויס; מיר האָבן פֿאַרשטאָפּט און פֿאַרטאַמעוועט די גרויסע טײַכן, אַראָפּגעריסן אוראַלטע וועלדער, פֿאַרסמט די ערד, דעם רעגן און די לופֿט, און אויפֿגעריסן לעכער אין הימל.
אונדזער וויסנשאַפֿט האָט געבראַכט ניט בלויז פֿריידן, נאָר ליידן; מיליאָנען צאָלן מיט זייער לײַדן פֿאַר אונדזערע באַקוועמלעכקייטן.
אָבער מיר לערנען זיך פֿון אונדזערע טעותן, מיר טרויערן נאָך אונדזערע פֿאַרשווונדענע קרובֿים, און איצט בויען מיר אַ נײַע פּאָליטיק פֿון האָפֿענונג.
מיר רעספּעקטירן און שטיצן די אַבסאָלוטע באַדערפֿעניש פֿאַר פֿרישער לופֿט, וואַסער און ערד.
מיר פֿאַרשטייען, אַז עקאָנאָמישע טעטיקייטן וואָס ברענגען נוצן אַ פּאָר יחידים און פֿאַרקלענערן די ירושה פֿונעם רבים זײַנען אומגערעכט.
און אַזוי ווי די עקאָלאָגישע דעגראַדאַציע פֿאַרמינערט אונדזער ביאָלאָגישן קאַפּיטאַל אויף אייביק, דאַרף מען אַרײַנרעכענען דעם פֿולן עקאָלאָגישן און סאָציאַלן פּרײַז אין אַלע חשבונות פֿון אַנטוויקלונג.
מיר זײַנען נאָר איין פֿאַרבײַגייענדיקער דור אין דעם לאַנגן מאַרש פֿון צײַט; די צוקונפֿט איז נישט אונדזערס, מיר זאָלן זי קענען אויסמעקן.
דאָרט ווו אונדזער וויסן איז באַגרענעצט, וועלן מיר געדענקען די מענטשן וואָס וועלן אונדז נאָכקומען, און בעסער זײַן אָפּגעהיט.

## אָט דאָס באַשליסן מיר

אַל דאָס וואָס מיר ווייסן און גלייבן מוז איצט ווערן דער יסוד פֿון אונדזער לעבנס־שטייגער.
אין דעם קערפּונקט, ווען אונדזער באַציִונג צו דער ערד בײַט זיך, שטרעבן מיר נאָך אַ נײַער אַנטוויקלונג: פֿון הערשאַפֿט צו שותּפֿותדיקייט; פֿון פֿראַגמענטאַרישקייט צו פֿאַרבונדנקייט; פֿון אומזיכערקייט צו אינטערדעפּענדענץ.